# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פסח | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


# דורש טוב

## על סדר ההגדה

**הא לחמא עניא:** פארוואס זאגט מען "הא לחמא עניא" אויף אראמיש?

ווייל א גאנץ יאר טראגן די מלאכים ארויף די תפלות פון אידישע קינדער צום הייליגן באשעפער, און די מלאכים פארשטייען נישט קיין אראמיש נאר לשון הקודש, דארף מען דאווענען אויף לשון הקודש, אבער פסח ביינאכט קומט דאך דער אויבערשטער אליינס אראפ אין אידישע הייזער צו הערן דעם סדר, במילא קען מען זאגן אויך אויף ארמ"יש.

**כל דכפין ייתי וייכול, כל דצריך ייתי ויפסח:**

פארוואס שטייט א דאפלט לשון, כל דכפין, כל דצריך?

ענטפערט כ"ק מרן רבינו **בעל ברך משה** זי"ע אז די הלכה איז, אז דעם קרבן פסח דארף מען עסן ווען מען איז שוין זאט. וועגן דעם שטייט קודם **כל דכפין ייתי ויכול**, אז קודם זאל מען עסן א סעודה, און ערשט דערנאך **כל דצריך ייתי ויפסח** קען מען עסן דעם קרבן פסח.

*

**השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין:**

דער רבי **בעל דברי יואל** זי"ע טייטשט אז עס שטייט אין מדרש אז דורכדעם וואס די אידן זענען מקבל דעם עול הגלות באהבה, ווערט דערנענטערט די גאולה, און דורך די רשעים וואס צוברעכן דעם עול הגלות ווערט פארלענגערט ח"ו דער גלות.

## מנהגים וטעמים על חג הפסח

**טעם פון אנטוהן א ווייסע קיטל:**

**ווייל אין די נאכט פון פסח קען מען צוקומען צו די מדרגה פונעם כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין קדשי קדשים, אין הייליגסטן טאג פונעם יאר יום כיפור, מיט ווייסע קליידער, וועגן דעם טוען מיר אויך אָן א ווייסע קיטל.** (הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין)

**ב) ווייל א ווייס בגד איז א חשוב'ע קלייד, און עס ווייזט אויף פרייהייט, און מיר ווייזן דערמיט אז מיר זענען שוין מער נישט קיין קנעכט נאר פרייע מענטשן.** (טו"ז תע"ב סק"ג)

**ג) ווייל מען האט מורא געהאט אז דורך די גרויסע שמחה פונעם סדר נאכט וועט מען ח"ו צוקומען צו גיאות** (מען וועט זיך גרויסהאלטן אז מען האט אין איין נאכט מקיים געווען אזויפיל מצוות) **וועגן דעם טוט מען אן א 'קיטל' וואס דאס איז א קלייד וואס מען טוט אן פאר נפטרים ל"ע, וואס דאס דערמאנט דעם מענטש אז מען לעבט נישט אייביג, און עס איז נישט דא מיט וואס זיך גרויסצוהאלטן** (טורי זהב).

**ד) ווייל ווייס איז א ריינער קאליר און עס איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע קאלירן, אזוי אויך איז די אויסלייזונג פון מצרים געווען דורך דעם אייבערשטן אליינס, און קיין שום זאך האט נישט צוגעהאלפן דערצו** (מהר"ל מפראג בדברי נגידים).

**טעם פארוואס צינדט מען אן "מה נשתנה לעכט":**

עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא) אז אין די נאכט וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, איז געווען אזוי ליכטיג ווי אין א טאג אינמיטן חודש תמוז, וועגן דעם צינדן מיר אן גרויסע לעכט וואס ברענען א גאנצע נאכט צו ווייזן אז אין די נאכט איז געווען א גאנצע נאכט ליכטיג.

וועגן דעם רופט מען דאס אן "מה נשתנה" לעכט, ווייל די נאכט איז געווען אנדערש פון אלע אנדערע נעכט מיט די ליכטיגקיט (ילקוט אברהם).

**טעם פארוואס מ'עסט "כרפס":**

א) ווייל עס איז די אותיות "ס" "פרך", דאס מיינט אז זעכציג מאל צען טויזנט אידן האבן געארבעט "פרך" שווערע ארבעט אין מצרים.

ב) ווייל "כרפס" איז א לשון פון "זיידן" (ווי עס שטייט "כתונת פסים"), און וועגן די זיידענע העמדל וואס די ברידערס האבן מקנא געווען יוסף הצדיק, האבן זיי אים פארקויפט קיין מצרים, און דורך דעם איז ארויס געקומען דער גאנצער גלות מצרים.

**טעם אויפן איינטונקען אין זאלץ וואסער:**

עס קען זיין א טעם ווייל עס שטייט אין מדרש ווען דער באשעפער האט געהייסן מקריב זיין דעם קרבן פסח, האט משה רבינו געהייסן די אידן זאלן זיך מל'ן כדי זיי זאלן זיין ראוי צו עסן דעם קרבן פסח, ווייל עס שטייט כל ערל לא יאכל בו. אבער די אידן האבן זיך נישט געוואלט מל'ן, האט דער אייבערשטער אראפ געברענגט א ריח גן עדן אויפ'ן קרבן פסח, און זיי האבן געשמעקט דעם גוטן ריח האבן זיי זיך געמל'ן עס צו קענען עסן.

די גמרא זאגט (פסחים צ"ב) אז נאכ'ן מל'ן דארף מען זיך טובל'ן, קומט אויס אז די אלע אידן זענען געגאנגען צום נילוס זיך טובל'ן, און אז שישים רבוא אידן האבן זיך דארט געטובל'ט איז די וואסער געווארן שמוציג, וואס זעהט אויס ווי זאלץ וואסער, וועגן דעם דארף מען איינטונקען אין זאלץ וואסער. (מהר"ש מבעלזא).

דאס זאגט דער בעל הגדה: **השתא עבדי**, דורך דעם זכות וואס מיר זענען קנעכט און מיר זענען מקבל דעם עול הגלות, וועלן מיר זוכה זיין **לשנה הבאה בני חורין**, צו ווערן אויסגעלייזט.

*

**מעשה ברבי אליעזר וכו' שהיו מסובין בבני ברק:**

לכאורה פארוואס דארף ער פארציילן אז עס איז געווען אין בני ברק?

נאר עס קען זיין אז עס קומט צו פארענטפערן די קשיא פארוואס האט רבי אלעזר פארציילט פון יציאת מצרים די גאנצע נאכט, די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז דאך נאר בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, און רבי אלעזר לערנט דאך אז אכילת מצה איז נאר ביז חצות, איז דאך די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אויך נאר ביז חצות, איז פארוואס האט ער דערציילט די גאנצע נאכט.

כדי דאס צו פארענטפערן האט דער בעל הגדה געשריבן אז עס איז געווען אין בני ברק, וואס עס איז געווען אתריה דרבי עקיבא, וואס ער לערנט אז די מצוה איז יא א גאנצע נאכט, ווייל ער לערנט אכילת מצה כל הלילה, און די גמרא (עירובין צ"ד ע"א) ברענגט אז ווען רב איז געווען באתריה דשמואל האט ער זיך געפירט אזוי ווי שמואל, וועגן דעם האט רבי אלעזר זיך אויך געפירט אזוי ווי רבי עקיבא. (נפתלי שבע רצון)

*

**הגיע זמן קריאת שמע של שחרית:**

לכאורה ווי אזוי האבן די תנאים נישט געזען אז עס איז געווארן ליכטיג און מען דארף ליינען קריאת שמע?

דער **חיד"א** זאגט אז עס שטייט אין זוהר הק' אז די נאכט פון יציאת מצרים איז געווען ליכטיג, און ביי צדיקים קומט אראפ יעדעס יאר פסח א ליכטיגקייט אזוי ווי ביי יציאת מצרים. וועגן דעם האבן זיי נישט געוואוסט ווען עס איז שוין טאג ווייל א גאנצע נאכט איז פאר זיי געווען ליכטיג.

וועגן דעם שטייט והיו מספרים, "ספיר" איז א לשון פון ליכטיגקייט אז עס איז געווען ליכטיג. וועגן דעם שטייט אויך כל

"אותו" הלילה אזוי ווי יענע נאכט, דאס מיינט אזוי ווי די נאכט פון יציאת מצרים.

**ברוך המקום ברוך הוא ברוך שנתן תורה לעמו ישראל:**

עס קען זיין די טעם פארוואס מען זאגט יעצט "ברוך שנתן תורה לעמו ישראל", מיט א משל צו א ארימאן וואס ער איז אויך געווען א גרויסער עם הארץ, ער האט איינמאל זייער שטארק מצליח געווען און איז געווארן א גרויסער עושר, האט ער געדונגען א גרויסער תלמיד חכם זאל מיט אים לערנען, און אזוי איז געווען ער האט מיט אים געלערנט ביז ווילאנג ער איז אליין געווארן א גרויסער תלמיד חכם, האט ער אפגעמאכט אז אין דעם טאג וואס ער האט מצליח געווען וועט ער מאכן פאר א יו"ט.

עס איז דורך א צייט און ער האט פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן און איז צוריק געווארן דער זעלבע ארימאן וואס ער איז אמאל געווען, אבער ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט דעם יו"ט, האט מען אים געפרעגט וואס האט ער זיך צו פרייען ער איז דאך צוריק געווארן א ארימאן! האט ער געענטפערט אז ער מאכט ווייטער דעם יו"ט, ווייל אפילו מיט זיין עשירות האט ער זיך שוין נישט וואס צו פרייען, האט ער אבער זיך צו פרייען אז ער איז געווארן א תלמיד חכם, וואס דאס האט ער נישט פארלוירן.

די זעלבע זאך כאטשיג מען האט זיך נישט וואס צו פרייען אז מען איז ארויס פון גלות, ווייל מען איז דאך צוריק אין גלות, מיט דעם אלעם פרייט מען זיך אז מען איז געבליבן מיט די תורה, וועגן דעם זאגט דער בעל הגדה "ברוך שנתן תורה לעמו ישראל". (דברי שאול)

*

**ברוך המקום, ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל ברוך הוא:** פארוואס שטייט פיר מאל דאס ווארט "ברוך"?

**טעם פארוואס מען צוטיילט די מצה – ביי יחץ:**

צו וויזן אז די אידן זענען געווען אין מצרים נאר א האלבע צייט פון 400 יאר, וואס זיי האבן געדארפט זיין אין גלות, און זיי זענען נאר געווען 210 יאר (שמחת הרגל).

ב) דער רבי הדבר"י זי"ע זאגט אז פאר דעם צוברעכט מען די מיטעלסטע מצה ביי יחץ, ווייל ווען אלע דריי מצות וואס זענען מרומז קעגן כהן, לוי, ישראל, האלטן זיך באחדות און האבן זיך ליב איינעם דעם צווייטן, אבער פונדעסטוועגן דאך פון רשעים, און פון מענטשן וואס חבר'ן זיך מיט רשעים דארף מען זיך אפשיידן, און מען טאר זיך מיט זיי נישט חבר'ן (הגדה דברי יואל).

**טעם פארוואס מען צוטיילט דוקא די מיטעלסטע מצה:**

ווייל די מיטעלסטע מצה איז קעגן לוי, און דער שבט לוי איז צוטיילט געווארן אויף צוויי טיילן: 1) כהנים 2) לוויים.

**טעם פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די הגדה:**

דער רי"ף ענטפערט אז דאס וואס מען זאגט ביי קידוש "זכר ליציאת מצרים" דאס איז שוין די ברכה וואס מען מאכט אויף די הגדה.

ב) דער רשב"א זאגט ווייל וויבאלד די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האט נישט קיין שיעור, ווי מען זאגט אין די הגדה 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', און אויף א מצוה וואס האט נישט קיין שיעור מאכט מען נישט קיין ברכה.

**טעם פארוואס מען עסט אייער ביי די סעודה:**

ווייל די ערשטע נאכט פסח געפאלט שטענדיג אויס דעם זעלבן טאג ווי תשעה באב, און אייער איז א מאכל פון א אבל, צו דערמאנען דעם חורבן בית המקדש (רמ"א).

ווייל א איי ווי מער מען קאכט עס ווערט עס הארטער און שטערקער, אזוי אויך די אידן, ווי מער מען פייניגט זיי ווערן זיי אלץ שטערקער און גרעסער (חתם סופר).

ב) עס קען זיין די טעם אויפ'ן מנהג פון אכילת ביצה, לויט וואס עס שטייט אז לעתיד לבא וועט די שם "הויה" זיין "יהיה", און עס איז דא צוויי חילוקים צווישען די צוויי שמות א) היינט איז דא נאר איין יו"ד, און לעתיד לבא וועט זיין צוויי יודי"ן. ב) היינט איז די גמטריא פון די צוויי שמות "הויה אדני" צ"א, און לעתיד לבא וועט זיין די גמטריא צ"ה.

לויט דעם קען זיין אז פסח ביינאכט ווען עס איז מסוגל צו מתפלל זיין אויף די גאולה שלימה, איז די מנהג צו עסן א "ביצה" וואס עס איז מרומז די צוויי זאכן וואס די שמות וועלן זיין אנדערש לעתיד לבא, ווייל עס איז ר"ת ב' י'ודי"ן, צ"ה. (הה"ק מהוניאד זי"ע)

**טעם פארוואס מען גיסט אן דעם "כוס של אליהו":**

ווייל עס איז דא פוסקים וואס זאגן אז מען דארף טרינקן פינף כוסות. און יעדע ספק אין די הלכה וועט אליהו הנביא פארענטפערן ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו, וועגן דעם גיסט מען אָן דעם פינפטן כוס של אליהו און מיר ווארטן אז אליהו הנביא זאל קומען און זאגן אויב מען דארף עס טרינקן.(הגר"א מווילנא).

**טעם פארוואס מען עפענט די טיר פאר אליהו הנביא:**

ווייל פסח ביינאכט איז ליל שימורים מיר האבן פון גארנישט מורא, מיר ווייזן אז מיר האבן אמונה און בטחון אין הייליגן באשעפער אז ער וועט אונז קיינמאל נישט פארלאזן, עפענט מען די טיר צו ווייזן אז מען דארף נישט מורא האבן ווייל מיר זענען באשיצט פון השי"ת (רמ"א).

**חד גדיא:**

ווען דער בארנוב'ער רב זי"ע איז אנגעקומען ביים סדר צו חד גדיא, האט ער געזאגט אז ער האט גע'הערט פון זיין הייליגן זיידן רבי אליעזר דזיקוב'ער זי"ע אז ער איז געווען מיט זיין הייליגן טאטן דער ראפשיצער רב זי"ע פסח אין לובלין, און ווען דער הייליגער חוזה זי"ע איז אנגעקומען ביים סדר צו "חד גדיא", האט ער געפרעגט די חבריא, וואס איז די טעם אז נאכ'ן אנרעכטן אזא הייליגע סדר און ביים ענדיגן די הגדה האט מען מסדר געווען צו זאגן די פיוט "חד גדיא"?

און עס פארשטייט זיך אז אלע זענען געבליבן שטיל, און געווארט צו הערן וואס דער חוזה וועט ענטפערן, האט דער חוזה געזאגט אז מען זאל וויסן אז די מלאכים זעהן אין הימל די גרויסע נחת פון דעם אייבערשטען, און די גרויסע אורות וואס עס ווערט דורכ'ן הייליגן סדר, און דורכ'ן זאגן די הייליגע הגדה, דורך די פשוטע אידן אויף דעם עולם השפל, און ווייל זיי זענען נישט זוכה צו דעם קוקן זיי מיט גרויס קנאה, און זענען זייער מקנא די אידן אין דעם נאכט, און מען קען מורא האבן אז עס זאל נישט שולט זיין א עין הרע ח"ו, וואס די מלאכים גלאצן אויף אונז פון גרויס קנאה, וועגן דעם האבן די קדמונים מסדר געווען די פיוט "חד גדיא", וואס עס איז א לחש קעגן עין הרע פון די מלאכים.

ענטפערט דער **רבי יונתן אייבשיץ** זי"ע אז די גמרא זאגט אז עס איז דא פיר מענטשן וואס דארפן גומל בענטשן (לויבן דעם אויבערשטן) 1) איינער וואס איז ארויס פון תפיסה. 2) א קראנקער מענטש וואס איז אויסגעהיילט געווארן. 3) איינער וואס איז אריבער געגאנגען א ים. 4) איינער וואס איז דורכגעגאנגען א מדבר.

מיר אידן דארפן אויך גומל בענטשן (לויבן דעם אויבערשטן) וועגן די פיר זאכן.

1) מיר זענען ארויס פון א תפיסה (מצרים). 2) אלע קראנקע זענען אויסגעהיילט געווארן ביי מתן תורה. 3) מיר זענען דורך דעם ים סוף. 4) מיר זענען ארויס פונעם מדבר בשלום.

דער ווילנער גאון זי"ע לייגט צו: אז וועגן דעם טרינקט מען די ארבע כוסות פסח ביינאכט, צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן אויף די 4 זאכן.

**מה העבודה הזאת לכם וכו' ואף אתה הקהה את שניו:**

מען קען מסביר זיין די שאלה פון דעם רשע, און אויך פארוואס מען דארף אים אויסהאקן פונקט די ציין, מיט דעם וואס תוספות (פסחים ב' ע"א) פרעגט פארוואס פעלט אויס צו בודק חמץ זיין, מן התורה איז דאך גענוג ביטול אליינס! ענטפערט **תוספות** אז די חכמים האבן גוזר געווען שמא יבא לאכלו.

לויט דעם קען זיין אז דאס פרעגט דער רשע מה "העבודה" הזאת לכם, צו וואס פעלט אויס די שווערע ארבעט פון בדיקת חמץ, און עס איז נישט גענוג ביטול אליינס.

און וויבאלד דער רשע וויל נישט בודק חמץ זיין נאר מבטל זיין, דארף מען דאך חושש זיין אז ער וועט עס קומען צו עסן, וועגן דעם "הקהה את שניו", ער זאל עס נישט קענען עסן. (ספרים)

**ולפי שהוציא עצמו מן הכלל כפר בעיקר:**

לכאורה איז שווער וואס איז דער רשע וואס זאגט "**לכם**", ערגער פון דעם חכם וואס זאגט אויך **מה העדות והחקים אשר ציוה ד' אלקינו "אתכם?"**

נאר עס קען זיין, ווייל דער חכם איז מקיים די מצוה און נאכדעם פרעגט ער די טעם, אזוי ווי עס שטייט ביי אים כי ישאלך "מחר", אבער דער רשע פרעגט עס בשעת'ן מקיים זיין די מצוה, ווייל ער וויל עס נישט מקיים זיין. (מהרי"ד מבעלזא)

**ואף אתה הקהה את שניו:**

עס קען זיין אז עס איז מרמז ער זאל ווערן א צדיק, ווייל די ווארט "רשע" באטרעפט 570 , און ווען מען רעכנט פון דעם אראפ 366 וואס דאס איז די גמטריא פון די ווארט "שניו" קומט עס אויס 204 אזוי ווי די גמטריא פון "צדיק".

דאס איז פשט הקהה את שניו, זאלסט אראפ נעמען פון דעם "רשע" די גמטריא פון "שניו", וועט ער ווערן א "צדיק". (ספרים)

**חשב את הקץ:**

דער **פרשת דרכים** זאגט דערויף, מען זאגט פריער אין די הגדה ברוך שומר הבטחתו לישראל אז השי"ת האלט איין וואס ער האט צו געזאגט , איז דאך שווער ער האט דאך נישט געטאן ווי אזוי ער האט געזאגט, ווייל השי"ת האט געזאגט אז מען וועט זיין אין גלות מצרים 400 יאר. און מען איז נאר געווען 210 יאר?

וועגן דעם ענטפערט דער **בעל הגדה** שהקדוש ברוך הוא חשב את הקץ. "קץ" באטרעפט 190, דער אויבערשטער האט אראפ גערעכנט 190 יאר פון גלות מצרים, ווייל די קישוי השעבוד האט דאס משלים געווען.

**כמה לקו באצבע:**

עס איז א מחלוקת פון די תנאים וויפיל מכות די מצריים זענען געשלאגן געווארן אין מצרים און וויפיל ביים ים - איז דאך לכאורה שווער - וואס איז דען די נפקא מינה וויפיל מכות עס איז געווען אז מען זאל זיך דארפן קריגן?

# פניני מוסר

**קדש ורחץ:** דער הייליגער אבני נזר זי"ע זאגט א ווארט על דרך מוסר, געווענליך דארף מען קודם תשובה טוהן אויף די עבירות און דערנאך זיך הייליגן צו טוהן מצוות ומעשים טובים, אבער פסח האט דער אויבערשטער קודם ארויס גענומען די אידן פון טומאת מצרים און דערנאך האבן זיי מקבל געווען תורה ומצוות.

וועגן דעם הייבט מען אן די סימני הסדר: צום ערשט קדש מען זאל זיך הייליגן, און דערנאך ורחץ זיך אפוואשן פון די עבירות.

*

**קדש ורחץ:** ווען דער מענטש איז זיך מקדש און ער וואשט זיך פון זיינע עבירות, דארף ער טון צוויי זאכן. א) "כרפס", ר"ת כלל ראשון פה סתום, ב) "יחץ מגיד", ער זאל צוטיילן זיין רעדן, אז וואס ער וויל רעדן זאל ער זאגן נאר העלפט. (הרה"ק ר' יוחנן מראכמיסטריווקא זי"ע).

*

**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות וכו' הלילה הזה כלו מצה:**

עס קען זיין אז מען פרעגט מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות (די גלות ווערט אנגערופן "לילה"). פארוואס איז די לעצטע גלות, אין וואס מיר זענען, אנדערש ווי די פריערדיגע גלות'ער, ווייל די היינטיגע גלות איז אזוי לאנג, און די פריערדיגע איז נישט אזוי געווען, אזוי ווי גלות מצרים איז געווען נאר פיר הונדערט יאר, און גלות בבל נאר זיבעציג יאר?

ענטפערט מען הלילה הזה כלו מצה, (מצה איז א לשון פון מחלוקת אזוי ווי עס שטייט מצה ומריבה) אז די היינטיגע גלות איז פיל מיט מחלוקת. (עוללות אפרים)

*

**כל ימי חייך להביא לימות המשיח:** דער הייליגער תפארת שלמה זאגט, דיין גאנץ לעבן זאלסטו טוהן מצוות ומעשים טובים, להביא אז דו זאלסט האבן וואס מיט צו ברענגען מיט דיר, לימות המשיח ווען משיח וועט קומען.

**חכם מה הוא אומר: דער הייליגער רוזשינער זי"ע טייטשט חכם דער חכם, מה הוא דאס וואס ער איז, אומר זאגט ער. רשע דער רשע, מה הוא דאס וואס ער איז, אומר זאגט ער. פון דא זעהט מען אז פונעם רעדן פון א מענטש קען מען דערקענען וואס פאר א מענטש ער איז. אויב רעדט א מענטש איידל און שיין איז**

**מען דערקענען וואס פאר א מענטש ער איז. אויב רעדט א מענטש איידל און שיין איז א סימן אז ער איז א חכם. אויב פארקערט איז ער ח"ו א רשע.**

*

**צא ולמד: דער הייליגער רבי ר' אהרן קארלינער זי"ע זאגט אז ווען א איד זעצט זיך אוועק לערנען, דארף ער קודם מקיים זיין צא, ארויסצוגיין פון גשמיות און זיך נישט נאכגעבן קיין תענוגים פאר'ן גוף. דעמאלט וועט ער קענען צוקומען ולמד צו קענען לערנען די הייליגע תורה.**

זאגט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע, ווייל השי"ת האט אונז צוגעזאגט "**כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך**", אז אלע מכות וואס השי"ת האט געגעבן פאר די מצריים וועלן נישט קומען אויף די אידן. דעריבער קריגן זיך די תנאים וויפיל מכות די מצריים האבן געהאט, יעדער וויל טרעפן מער מכות, כדי אז אזוי סאך מכות זאלן נישט קומען אויף אונז אידישע קינדער.

*

**זכר למקדש כהלל:**

**כ"ק רבינו בעל ברך משה זי"ע** זאגט אז הלל האט געוואלט ווייזן א רמז, אויף דעם וואס די משנה זאגט "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", אז מען דארף לויבן דעם אויבערשטן אויף זאכן וואס זעהען אויס שלעכט, פונקט ווי מען לויבט אויף גוטע זאכן.

וועגן דעם האט ער גענומען "מצה" וואס ווייזט אויף גוטס, און "מרור" וואס ווייזט אויף שלעכטץ ח"ו, אז אויף ביידע דארף מען לויבן דעם אויבערשטן (הגדה כוס הישועות עיי"ש).

# סיפורים ופרפראות לפסח

**הגאון רבי אייזל חריף דער סלאנימ'ער רב זצ"ל האט אמאל געזען ווי א עושר וואס איז געווען באוואוסט אלס א קארגער איז זייער שטארק בודק חמץ זיין טאש. האט ער אים געזאגט אז ער איז פטור צו בודק זיין די טאש'ן, ווייל די גמרא (פסחים ח' ע"א) ברענגט אז מען דארף בודק זיין נאר "עד מקום שידו מגעת", און זיינע הענט קומען קיינמאל נישט אן צום טאש...**

**מען האט געפרעגט אמאל א גדול אז לכאורה איז בדיקת חמץ נישט מער ווי א גלעכטער, ווייל קודם באהאלט מען די חמץ און נאכדעם זוכט מען עס אליין אויף...**

**האט ער געענטפערט אז די גמרא (פסחים ז' ע"ב) לערנט ארויס אז מען דארף בודק חמץ זיין פונעם פסוק וואס עס שטייט ווען מנשה איז נאכגעלאפן די שבטים, און ער האט אויפגעזוכט די בעכער פון יוסף, "ויחפש בגדול החל וכו'", און דארט איז דאך אויך אזוי געווען, מנשה האט עס קודם באהאלטן און נאכדעם עס אליין אויפגעזוכט, וועגן דעם דארף ביי בדיקת חמץ אויך אזוי זיין קודם עס צו באהאלטן און נאכדעם עס אליין אויפזוכן.**

א גלח האט געפרעגט דעם גאון רבי **משולם אשכנזי** ז"ל פארוואס פירן זיך די אידן צו באהאלטן די חמץ, און נאכדעם עס אליין אויפזוכן?

האט ער געענטפערט פאר'ן גלח, אז די גוים זענען גארנישט בעסער, ווייל זיי ווארפן אריין יעדן ערב פסח א גע'הרג'טן ערל ביי אידן, און נאכדעם קומען זיי עס אליין אויפזוכן (די גוים פלעגן מאכ'ן עלילות דם אויף אידן אז מ'דארף בלוט פון ערלים פאר די מצה).

~ ~ ~

דער הייליגער **רבי לוי יצחק בארדיטשוב'ער זי"ע** האט געטראפן ערב פסח נאך חצות א גוי וואס פלעגט פארקויפן סחורות וואס עס איז געווען אסור לויט די חוקי המדינה, האט ער אים געפרעגט צו ער האט צו פארקויפן פון די סחורה? האט ער געענטפערט אז יא, האט ער געפרעגט דעם גוי צו ער האט אסאך? האט ער געענטפערט אז ער האט וויפיל סחורה ער וויל.

נאכדעם האט ער געפרעגט א איד צו ער האט אביסל חמץ? האט ער געענטפערט "חס ושלום, א איד זאל האבן חמץ בפסח?" און ער האט געקוקט מיט גרויס וואונדער פארוואס זאל דער רבי טראכט'ן אז איך זאל האבן חמץ נאכ'ן זמן וואס עס איז אסור!

האט זיך רבי **לוי יצחק** אויסגעדרייט און געזאגט "רבש"ע קוק ווי שטארק חשוב זענען די מצוות ביי די אידן, וואס פון די צייט וואס עס שטייט אין תורה אז מען טאר נישט האבן קיין חמץ, קען מען ביי קיינעם נישט טרעפן קיין משהו חמץ, כאטשיג עס איז נישטא קיין שומרים, אבער די גוים וואס כאטש דער מלך פון די מדינה איז א גרויסער גיבור מיט א גרויסע מיליטער, און די עונש צו פארקויפן די סחורה איז זייער גרויס, מיט דעם אלעם האט דער גוי אסאך סחורה.

~ ~ ~

**ואת ערום ועריה, ובמדרש ערום בלי מצוות ונתן להם דם פסח ודם מילה:** א חסיד פון דעם הייליגן **דברי חיים** זי"ע איז געקומען צו אים נעמען א ברכה ווייל ער גייט ארויסדינגען א קרעטשמע פון דעם פריץ, און ער האט אים געזאגט צווישען די ווערטער אז ביז היינט פלעגט עס א צווייטער איד דינגען, האט דער **דברי חיים** אים געפרעגט מיט גרויס וואונדער וויאזוי ער וויל עס דינגען, עס איז דאך השגת גבול! האט דער חסיד געענטפערט אז דער צווייטער איז א פושע ישראל, און עס א מצוה אים צו באגראבן לעבעדיגערהייט!

האט אים דער **דברי חיים** געזאגט אז די מדרש ברענגט אז די אידן זענען געווען אין מצרים "ערום בלא מצוות", און דער אייבערשטער האט זיי געגעבן די מצוות פון דם פסח און דם מילה, און לויט דיר אז עס איז מצוה צו באערדיגן פושעי ישראלים, איז שווער עס שטייט דאך ביי די שלשת ימי אפילה זענען אלע פושעי ישראלים וואס האבן נישט געוואלט ארויס גיין פון מצרים געשטארבן, און מען האט זיי באערדיגט, קומט דאך אויס אז מען האט יא געהאט מצוות, איז פארוואס זאגט די מדרש אז זיי זענען געווען ערום בלא מצוות? אלא מאי איז א ראיה אז צו באערדיגן א מענטש אפילו ער איז א פושע ישראל איז נישט די גרעסטע מצוה.

האט זיך אנגערופן זיין זון רבי **ברוכ'ל גארליצער** זי"ע, אז עס איז א גרויסער חילוק, ווייל אין מצרים וואס זיי זענען שוין געווען טויט איז שוין נישט קיין מצוה זיי צו באערדיגן, אבער א לעבעדיגער פושע ישראל איז יא א מצוה צו באערדיגן...

**עבדים היינו לפרעה במצרים:**

איינער האט געפרעגט דעם רב פון זיין שטאט, אויף איינעם א גרויסער עושר אבער זייער א גרויסער קמצן, וויאזוי קען ער זאגן "כל דכפין ייתי וייכול, ווען קיין שום ארימאן קען נישט אריבער טרעטן די שוועל פון זיין הויז.

האט אים דער רב געענטפערט ער זאל זיך גיין שטעלן אונטער זיין טיר וועסטו הערן אז גראד ווען ער ענדיגט צו זאגן "כל דכפין ייתי וייכול", פרעגן אים זיינע קינדער טאטע מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, וואס איז געשען אז היינט רופסטו יעדן איינעם צו עסן! און דער טאטע ענטפערט זיי עבדים היינו לפרעה במצרים, ומה פרעה גוזר ואינו מקיים אומר ואינו עושה אף אני כן, און איך זאג אויך נאר אז מען זאל קומען אבער קיינער זאל נישט קומען.

**ובמורא גדול זו גלוי שכינה:**

דער **יהודי הק'** פלעגט זיין ביים סדר ביים הייליגן **חוזה זי"ע**, און די סדר פון דעם חוזה איז געווען, צו זיצן ביים סדר צוגעדעקט דעם פנים מיט'ן טלית, און ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "**ובמורא גדול זו גלוי שכינה**", האט ער אויפגעהויבן דעם טלית, און אויפגעדעקט זיין פנים, און פון גרויס פחד און מורא פון זיין הייליגן צורה איז פאר דעם יהודי הק' ארויס געפאלן אלע ציינער, נאר איין ציין איז אים געבליבן.

האט זיך דער יהודי הק' זייער מצער געווען, און ער האט געשריגן צום איבערגעבליבענע ציין "רשע! פארוואס ביזטו נישט ארויסגעפאלן ווען דער רבי האט געזאגט "**ובמורא גדול זו גלוי שכינה**".

שפעטער האט ער זיך בארוהיגט זאגנדיג אז די איינע צאן וועט אים צוניץ קומען ביים עסן די מצות.

(נפלאות היהודי)

**ר"י היה נותן בהם סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב:**

הגאון רבי העשיל מקראקא איז געווען אלץ קינד מיט זיין טאט'ן ביי איינעם א גאסט ביי איינעם אויפ'ן סדר, און דער בעל הבית איז געווען א גרויסער קמצן, און ער האט אים געגעבן א קליינע בעכער צו די ד' כוסות, ווען מען איז אנגעקומען ביי די הגדה צו רבי יהודה, האט דער גאסט געזאגט פאר'ן בעל הבית אז עס איז אייביג שווער געווען פארוואס האט רבי יהודה געדארפט געבן די סימנים?

אבער יעצט איז עס אים פארענטפערט געווארן, ווייל רבי יהודה איז געווען א חכם און ער האט פארשטאנען אז פאר די געסט וועט מען געבן קליינע בעכער'ס צו די ד' כוסות, און ווען זיי וועלן אנקומען

צו די צען מכות וואס די מנהג איז צו אויסגיסן פון די וויין, וועט זיי גארנישט בלייבן! וועגן דעם האט רבי יהודה געמאכט פון די צען מכות נאר דריי, וואס אזוי וועלן די געסט דארפ'ן גיסן נאר דריי מאל. (מגד ירחים)

**הגה"ק ר' אברהם שמחה הורוויץ זצ"ל דער בארנוב'ער רב** האט דערציילט אז ער האט געהערט פון זיין זיידן רבי **אליעזר דזיקוב'ער** זי"ע אז ער איז געוועזן מיט זיין הייליגער טאטע דער **ראפשיצער רב** זי"ע ביים סדר אין לובלין, און ווען דער הייליגער **חוזה** זי"ע איז אנגעקומען צו די ווערטער **"דצ"ך עד"ש באח"ב"**, האט ער געזאגט **"דרייט זיך א דייטש באחב"**, און די סדר איז געווען אז ווען דער **חוזה** האט געזאגט אנדערש ווי עס שטייט אין הגדה האט דער עלטסטער פון די חברייא אים געזאגט ער זאל אריין קוקן און עס איבער זאגן, און אזוי האט געטון דער **ראפשיצ'ער רב** זי"ע, ער האט געוויזן פאר'ן חוזה ער זאל אריין קוקן און עס איבער זאגן, און דער **חוזה** האט אריין געקוקט, אבער ער האט נאכאמאל געזאגט ווי פריער, **"דרייט זיך א דייטש באחב"**, און דער **ראפשיצ'ער רב** האט נאכאמאל אים געזאגט ער זאל איבער זאגן, אבער עס האט נישט געהאלפן, האט מען פארשטאנען אז עס איז נישט קיין פשוט'ע זאך.

אין די ערשטע נאכט חול המועד, איז אנגעקומען איינע פון די תלמידים פון דעם חוזה, רבי **שמעון אודערבערגער** זי"ע, וואס מען פלעגט אים רופן רבי **שמעון דייטש**, ווייל ער איז געקומען פון דייטשלאנד, און ווען ער איז אריין נעמען שלום פון דעם חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט אז מיר האבן זיך משתתף געווען מיט ענקער צער, וואס ענק האבן געהאט בשעת'ן זאגן די הגדה, ווען די חברייא האבן עס געהערט האבן זיי פארשטאנען אז דער חוזה האט געמיינט מיט זיינע ווערטער דרייט זיך א **"דייטש"** באחב, זיין תלמיד רבי שמעון **"דייטש"**, און ווען ער איז ארויס פון דעם חוזה האבן זיי אים געפרעגט וואס עס איז געווען מיט אים?

האט ער זיי פארציילט אז ער איז ארויס געפארן אויף פסח צום רבי'ן קיין לובלין, און אויפ'ן וועג אינעם דארף **"אחעווו"** האט זיך צובראכן די וואגן, און ווילאנג מ'האט עס פאראכטן איז שוין נישט געווען קיין צייט אנצוקומען קיין לובלין בין איך דארט געבליבן אויף די ערשטע צוויי טעג יו"ט, און פסח ביינאכט ווען איך האב געהאלטן אינמיטן די הגדה האב איך זיך פארגעשטעלט ווי דער הייליגער חוזה מיט די חברייא זיצן ביים הייליגן סדר, און איך האב צו דעם נישט זוכה געווען, און פון גרויס צער האב איך מפסיק געווען מיט די הגדה, און איך בין ארויס אין גאס און געוויינט פון גרויס צער, האבן אלע שוין פארשטאנען אז דער **חוזה** האט עס מרגיש געווען, און וועגן דעם האט ער געזאגט **"דרייט זיך א דייטש באחב"**.

א איד האט געפרעגט דעם **בריסק'ער רב** ז"ל, אויב מען קען יוצא די ד' כוסות מיט מילך? האט ער אים געפרעגט פארוואס זאלסטו נישט טרינקן קיין וויין? האט ער געענטפערט ווייל עס איז זייער טייער, האט דער **בריסקער רב** אים געגעבן פינף און צוואנציג רובל! ווען דער מענטש איז שוין געגאנגען האבן אים זיינע קינדער געפרעגט פארוואס ער האט אים געגעבן פינף און צוואנציג רובל, ווען די וויין פאר ד' כוסות קאסט נישט מער ווי א פאר רובל? האט ער זיי געענטפערט אז אויב דער מענטש וויל טרינקען מילך פאר די ד' כוסות מוז דאך זיין אז ער האט אויך נישט קיין פלייש אויף סעודות יו"ט...

א חסיד איז אמאהל געפאהרן צו זיין רבי'ן דער **"תפארת שלמה"** פון ראדאמסק זי"ע. דער איד האט געדארפט געהאלפן ווערן, ווייל שוין אכצן יאהר וואס ער האט חתונה געהאט און ער האט נאך נישט געהאט קיין קינדער. האט איהם דער רבי געהייסען קומען צום קומענדיגען סדר, פסח ביינאכט.

איידער דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן די "מה נשתנה" האט ער צוגערופען דעם חסיד, און געהייסען פארלייענען וואס עס שטייט אין די הגדה פאר "מה נשתנה" האט ער געליינט "כאן הבן שואל" (דא פרעגט דער זוהן די קשיות). האט איהם דער רבי געזאגט: "כאן הבן שואל - דא קענסטו אויסבעטן א זוהן", אזוי איז טאקע געווען, א יאהר שפעטער איז איהם געבוירן געווארן א זוהן!

~ ~ ~

ווען דער הייליגער **בעל שם טוב זי"ע** איז געפאהרן אויפן וועג קיין ארץ ישראל באגלייט פון זיין חסיד ר' צבי סופר זצ"ל. דער בעש"ט האט זיך געוואלט באגעגענען מיט'ן **אור החיים הקדוש זי"ע**, און צוזאמען ארבעטען מקרב צו זיין די גאולה אז משיח זאל קומען, דער צייט פון דער גאולה איז אבער נאך נישט אנגעקומען, האט דער שטן אונטערגעלייגט פארשידענע שטערונגען אויפן וועג אז דער בעל שם טוב זי"ע האט געמוזט צוריק אהיים פאהרן.

אינמיטען וועג האבן רויבערס זיי געכאפט און געבינדען אין קייטן און זיך געגרייט זיי צו פארקויפן פאר קנעכט. פון גרויס ווייטאג האט דער בעל שם טוב זי"ע פארלוירן זיין רוח הקודש און אלע הויכע מדריגות. האט איהם ר' צבי סופר געפרעגט: "רבי, פארוואס טוהט איהר גארנישט קעגען זיי"? האט דער בעש"ט זי"ע געענטפערט אז ער האט פארלוירן זיינע אלע הויכע מדריגות, און ער האט שוין נישט מער קיין כוח קעגען זיי ווייל ער האט אלעס פארגעסן.

האט דער בעש"ט זי"ע געבעטן ר' צבי סופר ער זאל איהם דערמאנען די "אלף-בית". דער בעש"ט זי"ע האט נאכגעזאגט מיט קדושה און גרויס ברען און התלהבות די אלע 22 אותיות פון דער א-ב, אז פון די קדושה האט זיך אויפגעריסן די שטריק און די רויבערס זענען אנטלאפען.

דאס קען זיין דער רמז: "ושאינו יודע לשאול" דער וואס קען שוין גארנישט רעדן ווייל ער האט אלעס פארגעסן, - "א-ת" (דאס מיינט מען די אותיות פון "אלף" ביז "תיו") "פתח לו", ווערט פאר איהם געעפענט די אלע טויערן פון הימל און די ישועה קומט שנעל.

~ ~ ~

דער הייליגער **נודע ביהודה** זי"ע, וואס איז געווען רב אין די שטאט פראג, האט אמאל געטראפען א קליינער שייגעץ אין גאס, ווי ער וויינט. דער נודע ביהודא איז צוגעגאנגען און געפרעגט: "פארוואס וויינסטו?" האט דער שייגיץ געענפערט, און אנגעהויבען דערציילען זיין ווייטאג:

"מיין טאטע און מאמע זענען געשטארבען, און איך וואוין ביי מיין פעטער. ער איז זייער א שלעכטע מענטש. ער איז א בעקער, און יעדן טאג שיקט ער מיר ארויס מיט א קוישעל ברויט. איך מוז פארקויפן אלע ברויט, און אהיימברענגען די גאנצע געלט. טאמער איך קום אהיים מיט ווייניגער געלט, שלאגט ער מיר מיט געפערליכע, אכזריות'דיגע קלעפ. היינט האב איך שוין פארקויפט דעם גאנצען קויש. אזוי ווי איך בין געווען גרייט אהיים צוגיין, האב איך אריינגעלייגט מיין האנט אין טאש, און דער געלט איז נישט דא. מן הסתם האט דאס איינער גע'גנב'עט. יעצט האב איך מורא אהיימצוקומען".

דער נודע ביהודה האט איהם בארואיגט. ער האט איהם אהיימגענומען און געגעבען די גאנצע געלט. דער קליינער גוי, האט איהם זייער באדאנקט, און ער איז אהיים געגאנגען.

יארן שפעטער: עס איז חול המועד פסח, און דער נודע ביהודה זיצט ביי זיך אין זיין ספרים שטוב. פלוצלינג הערט ער א קלאפ אין טיר. ווען ער איז צוגעגאנגען האט ער געזעהן ווי עס שטייט פאר איהם א גרויסער גוי. דער גוי האט איהם געזאגט: "ביטע לאז מיר אריין. איך דארף דיר איבערגעבען זייער א וויכטיגע זאך".

אזוי ווי דער גוי איז אריין, האט ער אנגעהויבען דערציילען: "דו דערקענסט מיר מן הסתם נישט. איך בין דער גוי וואס דו האסט מיט יאהרען צוריק גראטעוועט פון די רציחות'דיגע הענט פון מיין פעטער. דו האסט מיר געגעבען די געלט וואס איך האב פארלוירען. יעצט בין איך געקומען אפצאלען פאר די טובה. איר זאלט וויסען אז מיין פעטער גרייט זיך יעצט אויסצו'הרג'נען אלען אידען פון די שטאט פראג. א טאג נאך פסח קויפען דאך אלע אידען ברויט פון א גוי. אזוי ווי מיין פעטער איז דער בעקער פון דעם שטאט, פלאנירט ער אריינצולייגען סם אין אלע ברויט. אזוי וועט ער אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאט פראג אין איין טאג. דער נודע ביהודא האט איהם זייער שטארק באדאנקט, און דער גוי איז אהיימגעגאנגען.

עס איז אחרון של פסח, און אין דעם גרויסען שוהל פון פראג האט מען שוין געענדיגט דאווענען. דער גבאי האט געגעבען א קלאפ אויפן בימה און געזאגט: "דער רב האט געהייסען אויסרופען אז היינט נאכמיטאג גייט זיין זייער א וויכטיגע דרשה, און קיינער זאל נישט פעלן".

נאכמיטאג איז דער שוהל געווען פיל. יעדער האט זיך שוין זייער שטארק געוואונדערט וואס דער רב גייט זאגען. דער רב איז ארויף און אנגעהויבען רעדען: "רבותי, עס איז געשעהן זייער א גרויסע טעות ווען איך האב מסדר געווען דעם לוח פון דעם יאהר. איך האב באמערקט אז איך האב מיך פארעכענט. פסח האט זיך באמת געדארפט אנהייבען א טאג שפעטער. יעצט איז שביעי של פסח, און מארגען איז אחרון של פסח. יעדער זאל מארגען קומען אין שוהל, און חס ושלום נישט איינקויפען קיין חמץ ביז מארגען אווענט.

דער נעקסטער טאג, שטייען שוין אלע וועגעלעך מיט ברויט אין דער גרויסע גאס פון פראג. ווי ערשטווינט איז דער רשע, דער בעקער געווען, ווי קיינער קויפט נישט קיין ברויט. אלע אידען זענען אנגעטוהן מיט יום טוב קליידער און זיי גייען אין שוהל.

מען ווארט אז דער רב זאל אריינקומען, כדי אז מען זאל קענען אנהייבען דאווענען. עס גייט אדורך א שעה, אבער דער רב איז נאך אלץ נישט דא. "קוק ארויס" רופט זיך אהן איינער צום צווייטען. אינדרויסען זעהט מען ווי דער רב שטייט, און ער רעדט צו די פאליציי. אויך האבען זיי געזעהן ווי מען קייטעלט איין דער בעקער און מען פירט איהם אוועק.

וואס האט דא פאסירט? האבען זיי זיך געוואונדערט. א ווילע שפעטער איז דער רב אריינגעקומען און פארציילט דער גאנצע מעשה, און ער האט זיי געזאגט אז היינט איז באמת נישט פסח. און דער טעם פארוואס ער האט נישט געוואלט פריער דערציילען וואס דא איז געשען, איז כדי צו זיין פארזיכערט אז דער רשע זאל האבען א ביטערען סוף. היינט אינדעפרי האבען די פאליציי אוסגעפריווט און געגעבען א הינט צו עסען איין ברויט, און דער הינט איז אויפן ארט געשטארבען, און מען האט ארעסטירט דעם רשע דער בעקער. אזוי זענען אלע אידען גראטעוועט געווארען, כן יאבדו כל אויבך ה'.

# עניניא דיומא

## לכבוד יו"ט וועלן מיר דא לערנען ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן

# מעמד הקרבת קרבן פסח

## בזמן שבית המקדש היה קיים

פון די דריי ימים טובים אין וועלכע די אידן זענען געווען באפוילן ארויף צו קומען קיין ירושלים און מקריב זיין זייערע נדרים און נדבות אין דעם בית המקדש, איז געווען דאס מערסטע אינטערעסאנט, דער **יום טוב פסח**. אין דעם יום טוב האבן די אידן געשטראמט אין מאסן קיין ירושלים, מקיים צו זיין די מצוה וואס אלע אידן זענען געווען באפוילן, מקריב צו זיין דעם קרבן פסח.

הונדערטער טויזענטער אידן האבן "עולה רגל" געווען פון אלע שטעט און געגענטער פון ארץ ישראל. און אויך אידן וואס האבן געוואוינט אין אנדערע לענדער, האבן זיך אנגעשטרענגט "**עולה רגל**" צו זיין אויף פסח.

פארשטייט זיך אליין, אז מ'האט געמוזט זארגן פאר פסח אז די אידן זאלן נישט האבן קיין צוריק האלט אויף די וועגן. די משנה דערציילט אין מסכת שקלים, אז שוין פון ראש חודש אדר אן, האט מען אנגעהויבן צו פארעכטן די אלע וועגן וואס זענען קאליע געווארן אין ווינטער פון די רעגענס און שנייען. אויך האט מען געגראבן ברונערס וואסער אויף די הויפט וועגן, אז די אידן זאלן האבן וואס צו טרינקען אינמיטן וועג. אויך האט מען איינגעפיהרט א תקנה, אז די אידן וואס האבן הייזער אין ירושלים, זאלן נישט נעמען קיין געלט פון די געסט וואס שטייען איין ביי זיי. ווייל ירושלים געהערט פאר אלע אידן צוזאמען, און עס איז נישט איינגעטיילט געווארן פאר די שבטים. די אלע זאכן האבן צוגעברענגט, אז די אידן האבן "**עולה רגל**" געווען מיט שמחה אהן קיין שום זארג.

אין **מסכת פסחים** (ס"ד ע"ב) ווערט דערציילט, אז איינמאהל האט **אגריפס המלך** (וועלכע האט געלעבט אין די צייטן פון דעם צווייטן בית המקדש) געוואלט וויסן וויפיל אידן זענען געקומען "עולה רגל" זיין, האט ער געבעטן פון די כהנים אז זיי זאלן אָפְּשֵׁיידן איין ניר פון יעדן קרבן איידער מען וועט דאס מקריב זיין. די צאהל איז אויסגעקומען צוויי מאל 600 טויזענט. (כפלים כיוצאי מצרים) און ווי באקאנט, איז אויף יעדן קרבן פסח געווארן צוזאמען געציילט מער פון צעהן מענטשן. קענען מיר זיך שוין פארשטעלן וויפיל מיליאנע אידן האבן עולה רגל געווען!

אויך ווערט דערציילט, אז 3 יאהר פאר דעם חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש, ווען עס איז שוין געווען זייער שווער עולה רגל צו זיין, צוליב די צרות וואס די רומישע הערשער האבן אנגעטוהן, האט דער רוימישער גענעראל געשטעלט פאליציי אפצוציילן די אלע "**פסחים**", און די צאהל איז אויסגעקומען 256,500

און כאטש אזוי פיל אידן האבן "עולה רגל" געווען אויף איינמאהל, דאך האט קיין איין איד נישט געהאט א טענה אז עס איז מיר נישט באקוועם דאס פלאץ ווי איך וועל נעכטיגן אין ירושלים (אזוי דערציילט די משנה אין מסכת אבות).

די שמחה און דערהויבענקייט וואס האט געהערשט ביי יעדן איינציגן איד בשעת ער האט זיך געפונען אין ירושלים, איז אוממעגליך זיך פארצושטעלן. און דער הויפט מאמענט פון די גאנצע שמחה איז געווען ביים מקריב זיין דעם קרבן פסח.

א גרויסע משפחה וואס האט געקענט אליין עסן א קרבן פסח, האבן געקויפט א לעמעלע פאר זיך אליין. א קלענערע משפחה האט זיך צוזאמען געפארט מיט א צווייטע קליינע משפחה, און צוזאמען זענען זיי געווארן א "**חבורה**". און אזוי ווי פריער דערצעהלט, האט מען געמוזט די אלע הונדערטער טויזענטער "פסחים" מקריב זיין אין זייער א קורצע צייט פון נאך חצות פון ערב פסח ביז ביינאכט!

דער ריזיגער "**עולם**" האט מען צוטיילט אין דריי כיתות. און זיי האבן מקריב געווען איינער נאכן אנדערן. באלד ווען דער חצר פון בית המקדש האט זיך אנגעפילט מיט די ערשטע כיתה האט מען פארשלאסן די גרויסע שווערע טויערן. מ'האט געבלאזן שופר: **תקיעה, שברים, תקיעה**, און מ'האט אנגעהויבן צו שחט'ן די פסחים. לאנגע רייעס פון כהנים זענען געשטאנען אין דעם הויף, און זיי האבן געהאלטן אין זייערע הענט שיסלעך פון זילבער און פון גאלד, אויף אריין צו נעמען אין דעם די בלוט. די כהנים מיט די גאלדענע שיסלעך זענען געשטאנען עקסטערע און זיך נישט אויסגעמישט מיט די כהנים פון די זילבערנע שיסלעך.

דער ערשטער כהן וואס איז געשטאנען לעבן ווי מ'האט געשחט'ן, האט אנגענומען די בלוט מיט זיין שיסעל, און ער האט דאס שנעל איבערגעגעבן פאר דעם צווייטן כהן, און דער צווייטער צו דעם דריטן, מיט איין האנט געגעבן די פולע שיסעל אין מיט די אנדערע האנט צוריק געגעבן די ליידיגע שיסל, און אזוי ווייטער און ווייטער. ביז עס איז אנגעקומען צו דער לעצטער כהן וואס איז געשטאנען נעבן דעם מזבח "**מתנה אחת ובלבד שיתן כנגד היסוד**" (דאס מיינט אויפן מזבח ארום און ארום אויף א פלאץ וואס אונטער דעם איז דא א יסוד, דאס מיינט נאר נישט מזרחית דרומית וואס אונטער דעם איז נישט געווען קיין יסוד), און ער האט דאס געשפריצט.

דאס אלעס איז געטוהן געווארן אזוי פלינק און מיט א שנעלקייט, אז איינער וואס איז געשטאנען פון דערווייטענס און ער האט דאס צוגעקוקט, האבן אויסגעזעהן פאר איהם די אלע גלאנצעדיגע שיסלעך, אזוי ווי פייער בליצן וואס פליען.

פון אונטן זענען די שיסלעך נישט געווען פלאך (אזוי ווי געוועגליכע שיסלעך), נאר שפיציג. כדי מ'זאל זיי נישט קענען אראפ לייגן אויף'ן גרונד אז די בלוט זאל פארגליווערט ווערן. (בלוט וואס ליגט אביסל צייט אהן באשעפטיגונג ווערט פארטריקענט). נאך די בלוט שפריצן, האט מען מקטיר געווען די אלע אימורים אויף דעם מזבח.

במשך די גאנצע צייט פון די עבודה האט די גאנצע כיתה געזאגט הלל צוזאמען. און אויב די כהנים זענען נאך נישט פארטיג געווארן מיט די עבודה, האט מען איבערגעזאגט הלל צום צווייטן מאהל און צום דריטן מאהל. אבער די גמרא דערציילט, אז וויבאלד די כהנים זענען געווען אזוי פלינק, האט קיינמאהל נישט פאסירט אז מ'זאל מוזן איבער זאגן הלל צום דריטן מאהל.

ווען די ערשטע כיתה איז ארויס געגאנגען, איז אריין געגאנגען די צווייטע כיתה, און געטוהן דאס זעלבע ווי ביי די ערשטע. און אזוי אויך ביי די דריטע.

נאך דעם איז יעדע "**חבורה**" געגאנגען בראטן זיין קרבן פסח. מ'האט געבראטן די גאנצע קרבן אויף איינמאהל: די קאפ, די קערפער די קניען, אויף א שטייענדיגע שפיז.

ביינאכט האבן זיך איינגעזאמעלט יעדע "**חבורה**", און מ'האט אפגעראכטן א פסח סדר אזוי ווי מיר טוהן היינט. אבער אנשטאט לייגן אויף די קערה "**זרוע**" - וואס דאס איז נאר א זכר אויף דעם קרבן פסח - האבן זיי געברענגט דעם קרבן פסח אליין און דאס געגעסן מיט געוואלדיגע פרייד און לוסטיגקייט.

דער גאנצער ענין פון מקריב זיין דעם קרבן פסח, איז געווארן שטארק באקאנט פאר נאנט און פאר ווייט, אז אפילו די גוים זענען פון גרויס אינטערעס געקומען קיין ירושלים צוצוקוקן דעם געוואלדיג הייליגן בילד. דאס האט צוגעברענגט, אז פוהל גוים האבן זיך אנגעהויבן צו דערנעהנטערן צום אידישן פאלק, און זיי האבן זיך מגייר געווען. מיט די צייט איז געווארן א באוועגונג פון הונדערטער גרים. און מיט די אלע הלכה פראבלעמען וואס די גרים האבן צוגעברענגט, האבן זיך באשעפטיגט די צוויי גרויסע תנאים, שמאי און הלל, וואס האבן געלעבט אין די לעצטע צייט פון דעם צווייטן בית המקדש.

און היינט, ווען מיר זעצן זיך אוועק צום סדר, און מיר טראכטן אריין אין יענע גליקליכע און ליכטיגע טעג, וואס יעדער איד איז געזעצן אין זיין וויינגארטן מיט זיין פראכטיגן הויז, און דער הויז פון באשעפער איז געשטאנען אויף זיין ארט מיט זיין פוהלען גלאנץ און הערליכקייט, רופן מיר אויס פוהל מיט בטחון און האפענונג:

**לשנה הבאה בירושלים!**

# פירוש על חד גדיא

אין ספר **מעשה ניסים**, פונ'ם היילגן "**חוות דעת**, שטייט א פירוש אויף דעם שיר פון "**חד** גדיא" אז דאס גייט ארויף אויף די צייטן פונ'ם חורבן בית המקדש ביז ווען משיח וועט קומען.

דער ציגעלע איז א רמז אויפ'ן בית המקדש וואס ווערט אנגערופן "**גדי**" אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**בכרמי עין גדי**", "**אבא**" מיינט מען דוד המלך, וואס ער הייסט דער פאטער פון חסידים, (חסיד-לפנים משורת הדין) :

ווען דוד המלך האט געקויפט דעם ארט אויף צו בויען דעם בית המקדש, האט ער איינגעמאנט פון יעדן א האלבן שקל וואס דאס איז ווערט צוויי זוזים.

דאס מיינט דער בעל הגדה, "חד **גדיא**" דער בית המקדש "**דזבין אבא**" וואס דוד המלך האט געקויפט "**בתרי זוזי**" מיט צוויי זוזים, וואס יעדער האט געגעבן.

"**שונרא**" מיינט מען נבוכדנצר דער קעניג פון בבל, וואס ער האט חרוב געמאכט דער ערשטן בית המקדש, ער ווערט אנגערופן "**שונרא**" ווייל ער איז געווען א "**שונא רע**" פאר די אידן:

"**כלבא**" מיינט מען, כורש דער קעניג פון פרס.

"**כלבא נשך לשונרא**" כורש איז געווען דער וואס האט איבערגענומען די קעניגרייך פון בלשאצר, דער זון (אדער אייניקעל לויט טייל מפרשים) פון נבוכדנצר.

"**חוטרא**" מיינט דער קעניגרייך פון "יון". דער טעם פארוואס די יוונים הייסן "חוטרא" איז ווייל זיי פלעגן שלאגן די אידן מיט שטעקענס.

"**חוטרא הכה לכלבא**" דער קעניגרייך פון יון, האט אומגעווארפן דער קעניגרייך פון פרס.

"**נורא**" מיינט מען די חשמונאים. דער טעם פארוואס די חשמונאים הייסן "**נורא**" איז ווייל די כהנים ווערן אנגערופן נורא, (מדרש) און זיי זענען דאך געווען כהנים:

"**נורא שרף לחוטרא**" די חשמונאים האבן מלחמה געהאלטן מיט די יונים, און זיי האבן אוועק גענומען דער קעניגרייך פון די יונים.

"מיא" מיינט מען אדום און "**רוים**" וואס איז געווען פון אדום. דער טעם פארוואס די "**רומים**" הייסן "**מיא**" איז, ווייל אזוי ווי די גרויסע וואסערן גייען פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטן, אזוי אויך די רומיים זענען געווען אזוי שטארק, אז זייער באפעל איז געגאנגען פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטן.

"**מיא כבה לנורא**" די רומים האבן אוועק גענומען די מלוכה פון די חשמונאים, און שפעטער חרוב געמאכט דער צווייטע בית המקדש.

"**תורא**" מיינט מען די ישמעאלים, וואס זיי ווערן אנגערופן "**תור - אקם**" (מדרש).

"**תורא שתה למיא**" די ישמעאלים האבן שפעטער אוועק גענומען דער מלוכה אין ארץ ישראל פון די רומיים.

"**שוחט**" מיינט מען משיח בן יוסף, איידער משיח בן דוד וועט קומען, וועט קודם משיח בן יוסף קומען מלחמה האלטן מיט די ישמעאלים:

משיח בן יוסף וועט אבער געהארגעט ווערן אין דעם גרויסן מלחמה דורך דעם מלאך המות, און נאכדעם וועט משיח בן דוד אונז קומען אויסלייזן. דאס מיינט "**ואתא מלאך המות ושחט לשוחט**"

די גמרא זאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע, (**מלאך המות**) און נאכדעם וועט דער מלאך המות מער נישט קענען הרג'נען:

# הלכות פסח

## דיני הגעלה

כלים וואס מען נוצט א גאנץ יאהר און מען וויל זיי נוצן פסח, דארף מען כשר'ן.

איידער מען כשר'ט דארף מען גוט אפוואשן די זאך וואס מען גייט כשר'ן כדי אז עס זאל זיין גוט ריין.

איידער מען כשר'ט נוצט מען נישט די זאך וואס מען גייט כשר'ן 24 שעה, מיט קיין הייסע חמץ, כדי אז דער כלי זאל זיין "אינו בן יומו".

דער כלל איז ביי כשר'ן "כבולעו כך פולטו" (אזוי ווי עס איז געווארן איינגעשלינגען, ווערט דאס אויסגעשפיגן). דאס מיינט אויב די איסור איז אריין דורך א געקאכטע זאך, דארף מען דאס כשר'ן מיט געקאכטע וואסער, און אויב די היץ איז אריין דורך פייער (למשל אן אויוון) דארף מען דאס גליען מיט פייער.

ווען מען כשר'ט דארף מען זיכער מאכן אז די וואסער זאל זיין גאהר הייס, דאס הייסט אז מען זעהט ווי עס "בָּאבְּלט".

אויב מען וויל כשר'ן א "סינק", וויבאלד מען קען דאך דאס נישט אריינלייגן ממש אין הייס וואסער, און ווען מען גיסט ארויף פון א טאפ צו א צווייטע זאך, ווערט דאך די וואסער קילער, וועגן דעם זאל מען קודם אנגליען א שטיין אויף פייער, און נאכדעם וואס דער שטיין איז שוין גוט הייס (רויט) האלט מען אהן דעם שטיין אין איין האנט מיט א צוואנגל, און מיט די אנדערע האנט גיסט מען ארויף די הייסע וואסער, אז די וואסער זאל קודם ארויפרינען אויף די שטיין און אזוי וועט די וואסער נאכאמאהלה ווערן זייער הייס, און אזוי זאל דאס רינען אויף די פלאץ וואס מען וויל כשר'ן.

עס איז זייער וויכטיג אז פאר'ן כשר'ן זאל מען זיך קודם גוט אדורך רעדן מיט א מורה הוראה, צו וויסן וועלכע זאכן מען קען יא כשר'ן און וועלכע נישט.

באלד נאכן כשר'ן גיסט מען שנעל אהן די זאך וואס מען האט גע'כשר'ט מיט קאלטע וואסער.

## דיני בדיקת חמץ

אנהייב ליל י"ד בניסן, ביים זמן פון מוצאי שב"ק, דארף מען בודק חמץ זיין אין אלע פלעצער וואס מען האט דארט אריינגעטראגן חמץ א גאנץ יאר.

פארן בודק חמץ זיין זאל מען אויסרייניגן און אויסקערן אלע שטובער פון חמץ, כדי עס זאל זיין גרינגער בודק צו זיין (קיצור שו"ע).

מען טאר נישט עסן ברויט מער ווי א כביצה א האלבע שעה פארן זמן פון בודק חמץ זיין, פרוכט מעג מען יא עסן. אויך טאר מען נישט אנהייבן צו טון א ארבעט, א האלבע שעה פארן זמן פון בודק זיין.

מען טאר נישט אנהייבן צו לערנען אינדערהיים, ביים זמן פון בדיקת חמץ, אבער אין בית המדרש מעג מען יא לערנען, אבער נישט קיין פלפולים וואס קען זיך פארציעהן.

אז מען דאווענט מעריב א גאנץ יאר ביים זמן פון צאת הכוכבים, זאל ער קודם דאווענען מעריב און דערנאך בודק חמץ זיין.

פאר מען הייבט אן בודק חמץ זיין זאל מען זיך וואשן די הענט לכבוד די מצוה. מען מאכט די ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וצונו על ביעור חמץ".

מען פירט זיך ארומצוליייגן צען שטיקלעך הארטע ברויט וואס ברעקלט נישט, כדי דער וואס איז בודק חמץ זאל דאס טרעפן (באר היטב בשם האר"י ז"ל שכתב שיש בזה סוד גדול)..

אויב האט מען פארגעסן צו זאגן די ברכה פאר מען האט אנגעהויבן בודק צו זיין, אדער האלט ער אינמיטן בודק חמץ זיין, ווען ער האט זיך דערמאנט, זאל ער דעמאלטס מאכן די ברכה.

מען זאל זיין געווארענט נישט אויסצורעדן צווישן די ברכה און די בדיקה.

עס איז גוט אז מען זאל בכלל נישט אויסרעדן אפילו פון זאכן וואס האבן שייכות מיט בדיקת חמץ, ביז מען ענדיגט נישט בודק זיין, כדי מען זאל האבן ישוב הדעת בודק צו זיין אין אלע פלעצער וואו מען ברענגט דארט אריין חמץ.

מען דארף בודק זיין דורך די לעכטיגקייט פון א ליכט, נישט דורך די לעכטיגקייט פון די לבנה אדער א לעקטער.

מען איז בודק מיט א וואקסענע לעכטל, מען קען אויך בודק זיין מיט א ליכט פון חלב.

מען דארף בודק זיין נאר מיט איין ליכטל, נישט מיט קיין הבדלה וכדומה.

נאכן בודק זיין איז מען מבטל דעם חמץ, דורכן זאגן "כל חמירא וחמיעא דאיתיה ברשותי, דלא חזיתיה ודלא בערתיה, לבטיל ולהוי הפקר כעפרא דארעא".

מען דארף פארשטיין וואס מען זאגט, אויב פארשטייט מען נישט דעם תרגום לשון, זאל מען דאס זאגן אויף וועלכע שפראך ער פארשטייט, אפילו אויף אידיש "אלע חמץ אדער זויער-טייג וואס געפונט זיך אין מיין רשות, זאל זיין הפקר און עס זאל זיין פאררעכענט אזוי ווי די ערד פון די גאס" (משנ"ב סי' תל"ד סק"ט).

נאכן בודק זיין זאל מען אוועקלייגן די איבערגעבליבענע חמץ אויף א באהאלטן פלאץ.

אויך דעם חמץ וואס מען לאזט איבער צום עסן אויפן אנדערן טאג זאל מען באהאלטן אז עס זאל נישט פארלוירן גיין.

אויב זעט מען אינדערפרי אז עס פעלט פון דעם חמץ, דארף מען נאכאמאל בודק חמץ זיין אן א ברכה.

די פלעצער וואס מען פארקויפט פארן גוי, ברויך מען נישט בודק חמץ זיין.

## מים שלנו

מען פירט זיך אז בין השמשות גייט מען שעפן מים שלנו (וואסער וואס נעכטיגט איבער), מען גייט צו א ברינען און מען שעפט וואסער, אויפצומארגענס ערב פסח באקט מען די מצות מיט די וואסער.

דער טעם פון מים שלנו איז, ווייל אין חודש ניסן זענען די קוואלן אביסל ווארעם, און אויב מען וועט קנעטן די מצות מיט די וואסער, קענען די מצות ווערן חמצ'דיג, דערפאר שעפט מען דאס א נאכט פריער כדי עס זאל זיך אויסקילן איבערנאכט (שו"ע הרב סי' תנ"ה ס"ב).

## דיני ערב פסח

ערב פסח דאווענט מען פרי, כדי מען זאל קענען ענדיגן עסן חמץ פארן סוף זמן אכילת חמץ.

ביים דאווענען זאגט מען נישט "מזמור לתודה", און נישט "קל ארך אפים" (פאר "ויהי בנסוע") "למנצח יענך ה' ביום צרה" (ווייל ערב פסח ווערט פאררעכענט ווי א יו"ט ווייל מען האט גע'שחט'ן דעם קרבן פסח).

ערב פסח איז א תענית בכורים, אלס זכר צום נס וואס די בכורים זענען ניצול געווארן פון מכת בכורות, אויב מען מאכט א סיום מסכת מעג מען עסן, ווייל דאס הייסט א

סעודת מצוה, אויך די וואס הערן דעם סיום מעגן עסן (ויטב פנים).

בשעת ווען מען פארברענט דעם חמץ, זאל מען נאכאמאל זאגן כל חמירא.

נאכן זמן פון פארברענען דעם חמץ, טאר מען נישט הנאה האבן מער פון קיין חמץ, אזוי אויך א גאנץ פסח טאר מען נישט שמעקן דעם גערוך פון חמץ.

ערב יום טוב איז א מצוה זיך אפצושערן די האר און די נעגל נאך פאר חצות.

נאך חצות טאר מען נישט טוהן קיין מלאכה, אבער למשל פאררעכטן א בגד מעג מען יא, אויב מען דארף דעם בגד לכבוד יו"ט.

ערב פסח טאר מען נישט עסן קיין מצה (ירושלמי - מיר פירן זיך אז פון ראש חודש ניסן עסט מען נישט קיין מצה). אויך די קליינע קינדער וואס פארשטייען שוין דעם סיפור פון יציאת מצרים טארן נישט עסן קיין מצה ערב פסח.

עס איז א מצוה זיך צו טובל'ן לכבוד יום טוב.

מען דארף זעהן אז די קליינע קינדער זאלן זיך אראפלייגן שלאפן ערב פסח, כדי זיי זאלן קענען אויפזיין ביים סדר און קענען פרעגן די קשיות, און דערמיט מקיים זיין די מצות עשה פון "והגדת לבנך ביום ההוא לאמר".

מען פירט זיך צו באקן מצות ערב פסח, בשעת ווען מען באקט די מצות זאגט מען הלל אן קיין ברכה.

נאך די צענטע שעה אין טאג, (דאס איז בערך 4 אזייגער נאכמיטאג) טאר מען נישט עסן קיין סעודה, און נישט טרינקען קיין וויין, פרובט מעג מען יא עסן אבער נישט נישט קיין סאך (רמ"א תע"א).

מען גרייט צו דעם סדר טיש פון ערב יום טוב, כדי ווען מען קומט אהיים פון בית המדרש זאל מען קענען תיכף אנהייבן צו פירן דעם סדר, כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן.

עס איז דא א גרויסע סגולה צו לערנען דעם בריוו פון הרב הקדוש ר' שמשון אוסטראפאלער זי"ע ערב פסח, וואס דורכדעם ווערט מען ניצול א גאנץ יאר פון אלעם שלעכטס און פון א מיתה משונה ר"ל, און ער וועט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## הכנת הסדר בליל הסדר

מען דארף זעהן אז דער סדר טיש זאל זיין צוגעגרייט נאך פון ערב פסח.

דער סדר טיש דארף זיין אויסגעצירט מיט די שענסטע כלים וואס מען האט אין שטוב, אפילו מען וועט נישט נוצן אלעס ביים סדר, זאלן אויך זיין אויפן טיש, כדי צו באשיינען דעם סדר טיש (א רמז צו דעם וואס אידן האבן געבארגט זילבערנע כלים פון די מצריים פאר זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים) דער אריה"ק ז"ל האט מקפיד געווען צו עסן אויף א טיש וואס האט פיר פיסלעך (דוגמת שולחן המקדש - באר היטב).

דער טיש זאל זיין איבערגעדעקט מיט צוויי ווייסע טישטוכער אזוי ווי שבת (מטה אפרים), דאס שענסטע וואס מען פארמאגט, אויך דער 'היסב בעט' זאל מען צוגרייטן פון ערב פסח, און זאל זיין איבערגעדעקט מיט א ווייסן ליילעך, און מיט ווייסע קישענעס אזוי ווי עס פאסט פאר א קעניג (מסגרת השולחן).

אלע בעכערס און כוסות זאל מען צוגרייטן און אויסוואשן נאך ערב פסח, נאר פאר קידוש שווענקט מען נאכאמאל אויס דעם בעכער, כדי מען זאל קענען אריינגיסן אביסל וואסער אין וויין פלאש.

עס זענען פארהאן עטליכע מאכלים וואס מען ברויך האבן צום סדר טיש, דעריבער איז גלייך אז מען זאל דאס אנגרייטן פון ערב פסח, אויב קען מען דאס נישט צוגרייטן

פון ערב יום טוב, מעג מען דאס אנגרייטן ביינאכט דורך א שינוי.

למשל, די זאלץ וואסער זאל מען אנגרייטן נאך פון ערב יום טוב, אויב גרייט מען דאס אן ביינאכט זאל מען קודם ארייננגיסן דאס וואסער אין די כלי, און דערנאך ארייננלייגן די זאלץ, אויך זאל מען נישט לייגן צופיל זאלץ, כדי עס זאל נישט זיין צו ביטער.

דעם מרור, אויב ניצט מען שאלאטן, דארף מען דאס גוט באקוקן ערב יו"ט צו עס איז ריין פון ווערים, אויב נעמט מען חריין, זאל מען דאס אפרייבן ערב יו"ט, און גוט צודעקן כדי עס זאל נישט אויסוועפן ביז ביינאכט.

אויב רייבט מען דאס ביינאכט זאל מען דאס רייבן אויפן טישטוך, נישט אויפן טעלער, אדער איבערדרייען די טעלער און דאס אזוי רייבן.

די זרוע דאס איז די פליגל וואס מען לייגט אויף די קערה, דארף מען אויך בראטן פון ערב יו"ט.

אויב מאכט מען היימישע וויין לכבוד פסח, דארף מען דאס אויסדרוקן און איבערזייען פון פאר יו"ט. די חרוסת, דארף מען אויך מאכן ערב יו"ט, אויב מאכט מען דאס ביינאכט, זאל מען קודם ארייננגיסן די וויין, און דערנאך די ניס מיט די עפל און די איבריגע זאכן וואס מען לייגט אריין דערינען.

לכתחילה איז גלייכער אז ווען מען גרייט צו דעם טיש מיט אלע געברויכן און צוגעהערן זאל מען זעהן אז עס זאל ווערן צוגעגרייט אלעס פון ערב יו"ט, אזוי ווי פריער דערמאנט כדי מען זאל קענען אנהייבן דעם סדר, און קענען דערציילן רואיג און געלאסן די נסים פון יציאת מצרים פאר די קינדער נאך איידער זיי ווערן מיד און שלאפן איין.

מען פירט זיך אנצוצינדן לכבוד דעם סדר צוויי גרויסע ליכט, מען רופט דאס "מה נשתנה ליכט" (בני יששכר עפ"י קבלה).

מען טוט אן א ווייסן קיטל צום סדר (שהוא בגד נקי, או כדי שיהא לבו נכנע - מג"א).

## מצות סיפור יציאת מצרים

אין די נאכט פון פסח איז איינס פון די עיקר מצות צו דערציילן אלע נסים וואס דער באשעפער האט געמאכט פאר די אידן ביי יציאת מצרים, נישט אז מען זאל סתם אזוי דערמאנען אז עס איז געווען אזא זאך ווי יציאת מצרים, נאר טאקע דערציילן מיט אלע פרטים און אויסרעכענען אלע נסים פון יענעם זמן.

## הלכות ומנהגי הסדר

דער של"ה הק' שרייבט אז די קדושה פונעם סדר נאכט איז זייער גרויס, וועגן דעם זאל מען זיין געווארענט נישט צו רעדן קיין דברים בטלים, נאר צו פארמערן צו דערציילן די נסים פון יציאת מצרים. אויך דארף מען זיך גוט אויפפירן און אוודאי נישט מצער זין די עלטערן אדער געשוויסטער (יו"ד ר"מ).

מען פירט זיך צו טיילן פאר די קליינע קינדער ניסלעך, אדער אנדערע גוטע זאכן, כדי זיי זאלן פרעגן די פיר קשיות.

ווי אויבנדערמאנט איז די עיקר מצוה פון די נאכט "והגדת לבנך" דערציילן און מחנך זיין די קינדער צו אמונה פשוטה, צו יראת שמים, און ליבשאפט צום בורא כל עולמים און צו די הייליגע תורה, און צו טון מצות בשלימות, און מיט א חשק.

פון נאך קידוש זאל מען זיין געווארענט נישט צו רעדן זאכן וואס זענען נישט וויכטיג, ווייל די נאכט איז זייער הייליג.

ביי שולחן עורך פירט מען זיך צו עסן אייער (און מען טינקט דאס איין אין זאלץ וואסער). מען דארף זיין געווארענט זיך נישט אנצועסן ביי די סעודה, כדי מען זאל קענען עסן דעם אפיקומן מיט א חשק און אפעטיט.

מען דארף זייער שטארק אנזאגן פאר די קינדער, אז ווען זיי באהאלטן דעם אפיקומן זאלן זיי דאס לייגן אויף א זיכער ארט, נישט אונטערן בעט, אדער אויף א אומריין פלאץ, און אוודאי נישט אויף דער ערד, ווייל מען וועט דאס דערנאך שוין נישט קענען עסן.

נאכן ענדיגן די הגדה פירט מען זיך צו זאגן 'שיר השירים' מיט גרויס כונה.

פסח ביינאכט לייענט מען קריאת שמע שעל המטה, נאר די ערשטע פרשה ביז והיה אם שמוע און ברכת המפיל.

## דיני ארבע כוסות

עס איז א מצוה צו קויפן רויטע וויין פאר די ארבע כוסות, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כ"ג, ל"א) וואס איז א רמז אויף רויטע וויין, מען טרינקט פיר כוסות, קעגן די ד' לשונות פון והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי, (ירושלמי ריש פרק ערבי פסחים).

די כוסות דארפן זיין גאנץ, נישט אפגעקלאפט, זיי דארפן זיין זויבער פון אינעווייניג און פון אויסנווייניג, מען שווענקט אויס די כוסות צו קידוש און צום בענטשן.

די 4 כוסות דארף מען טרינקען אנגעלענטערהייט אויף די לינקע זייט, אויך א זון וואס עסט ביים טאטן דארף זיך אנלענען, פרויען דארפן זיך נישט אנלענען.

בעפאר יעדן כוס וואס מען טרינקט פון די פיר כוסות זאגט מען "לשם יחוד" דאס הייסט אז מען גרייט זיך אן צו טון די מצות פון השי"ת מיט א ריכטיגע הכנה.

מען מאכט א "בורא פרי הגפן" אויף אלע 4 כוסות, אבער א נאך ברכה "על הגפן" מאכט מען נאר נאכן פערטן כוס.

אויסער די 4 כוסות טרינקט מען נישט קיין אנדערע וויין, נאר אינמיטן די סעודה, צווישן דעם צווייטן און דריטן כוס מעג מען יא טרינקען.

די פיר כוסות טרינקט מען:

1) ביי קידוש, 2) נאך די הגדה, 3) נאכן בענטשן, 4) נאך הלל.

אויב האט מען געטרינקען די כוסות איינס נאכן אנדערן האט מען נישט יוצא געווען די מצוה.

לכתחילה זאל מען זעהן אויסצוטרינקען דעם גאנצן כוס, לכל הפחות א שיעור רביעית אויף איינמאל.

פאר קינדער וואס פארשטייען שוין דאס ענין פון סיפור יציאת מצרים, זאל מען געבן א געהעריגן כוס וואס האט א שיעור רביעית.

מען דארף זיך אנשטרענגען צו טרינקען די פיר כוסות, אפילו עס קומט אן שווער, אין דעם זכות וועט השי"ת העלפן אז מען וועט נישט דארפן אנקומען צו אנדערע רפואות.

נאך די ארבע כוסות טאר מען נישט עסן און נישט טרינקען קיין שום זאך, כדי עס זאל איבערבלייבן אין מויל דער טעם פון די מצה, און פון די וויין פון סדר.

אויב איז מען דארשטיג מעג מען טרינקען וואסער, סעלצער, לעמאנעיד (ערוך השולחן).

ויהי רצון אז מען זאל זוכה זיין צו קענען מקיים זיין אלע מצות פונעם יום טוב כהלכתו, און מ'זאל ח"ו נישט נכשל ווערן אין קיין משהו חמץ, און זוכה זיין צו שטיין אויף יעדע הלכה און מנהגי אבות ווי אזוי מען האט זיך געפירט אין שטוב פון אונזערע עלטערן, ביז מיר וועלן זוכה זיין "כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו, בקרוב נהל נטעי כנה פדוים לציון ברנה אמן".

# סדר הקרבת העומר

"מנחת בכורים" איז די "מנחת העומר" וואס ווערט דערמאנט אין פרשת אמור, וואס מען האט מקריב געווען די זעכצענסטער טאג פון ניסן (דעם צווייטן טאג פסח).

די מנחה איז געברענגט געווארן פון די נייע תבואה וואס האט געצייטיגט דאס יאהר.

מען האט עס געשניטן די נאכט פאר די זעכצענסטער טאג און מקריב געווען בייטאג, די תורה רופט אהן די מנחה "מנחת בכורים" ווייל בכורים איז טייטש ערשט געצייטיגט.

די מנחה איז א "קרבן ציבור" דאס הייסט אז גאנץ כלל ישראל האט א חלק אין דעם.

די מנחה ווערט געברענגט פון "שעורים" (גערשטן מעהל) און נישט פון "חטה" אזוי ווי אלע אנדערע מנחות, (ווייל אין פרשת ויקרא ביי די פרשה פון די עומר שטייט "אביב" און אין פרשת וארא שטייט "כי השעורה אביב" פונקט ווי דארט שטייט אביב און עס רעדט זיך פון שעורים, אזוי אויך דא ביי אונז מיינט אביב, "שעורים").

ביים שניידן די עומר האט מען געמאכט א גרויסן עסק דערפון. פון איבעראל איז מען געקומען צום פלאץ ווי די שלוחי בית דין האבן געשניטן דעם עומר, כדי מיט דעם צו ווייזן אז ווען די תורה זאגט אז מען זאל ברענגען דעם עומר "ממחרת השבת" מיינט דאס דעם צווייטן טאג יום טוב, אנדערש ווי די צדוקים פלעגן זאגן אז דאס מיינט, נאך שבת (זונטאג).

ביי מנחת ביכורים שטייט 4 זאכן, 1."אביב", דאס מיינט אז עס זאל זיין פון שעורים וואס זענען שוין געצייטיגט, 2. "קלוי באש", דאס מיינט אז מען זאל דאס אויסטריקענען אין פייער, ווייל ווען דאס איז זייער פייכט, קען מען דאס נישט צומאלן.

עס איז געווען פייכט ווייל מען האט דאך דאס ערשט געשניטן אין די נאכט פון ט"ז ניסן 3. "גרש", קודם האט מען געמאלן די גערשטן צו גרויסע שטיקלעך דאס איז "גרש", ערשט נאכדעם ווי מען האט זיי גוט אדורך געזייט האט מען דאס אדורך געזייטע מעהל דערנאך געמאלן דין צו סולת, 4."כרמל", פון שעורים וואס די זאנגען זענען פוהל, "כרמל" קומט פון לשון "כר–מל", "כר" א קישעלע "מלא" פוהל, די תבואה איז אנגעפילט וויא א פוהלע קישעלע.

מען האט מקריב געווען א קומץ אויפ'ן מזבח, און די איבריגע האט מען געגעבן פארן כהן.

ווי לאנג מען האט נישט געשניטן דעם עומר, האט קיינער נישט געמעגט שניידן די תבואה אין זייער אייגענע פעלדער, אזוי ווי די פסוק זאגט "ראשית קצירכם", (אויב דאס איז א פעלד וואס איז כשר דערפון צו ברענגען די עומר).

די תורה הק' זאגט: "ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה" כדי צו פארשטיין דעם פסוק וועלן מיר מקדים זיין א שטיקל הקדמה וועגן דעם איסור דאורייתא פון עסן "חדש".

די תורה אסר'ט צו עסן נייע תבואה פון איינער פון די חמשת מיני דגן וואס זיי זענען:

חטה, שעורה, כוסמין (ספעלט), שיפון (ריי), שיבולת שועל (אוטס).

איידער מען האט מקריב געווען דעם עומר. דער תבואה ווערט אנגערופן "חדש". נאכדעם וואס מען האט מקריב געווען דעם עומר אין דעם בית המקדש, האט מען געמעגט עסן די תבואה.

בזמן שבית המקדש היה קיים, האט מען נישט געמעגט עסן פון חדש, ביז מען האט מקריב געווען דעם קרבן העומר. אבער ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש, איז מן התורה מותר באלד אין אנהייב פון דעם טאג.

דאס מיינט דער פסוק "ולחם וקלי וכרמל" די תבואה פון די חמשת מיני דגן "לא תאכלו עד עצם היום הזה" זאל מען נישט עסן ביז דעם טאג, דאס איז ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש, און ווען עס איז יא דא א בית המקדש זאגט ווייטער די פסוק: "עד הביאכם את קרבן אלקיכם".

ביז נאך דעם הקרבת העומר. אבער משחרב בית המקדש האט ר' יוחנן בן זכאי מתקן געווען, אז מען זאל נישט עסן פון די נייע תבואה ביז ביינאכט.

פון ווען מען האט מקריב געווען דעם קרבן העומר דארף יעדער מענטש ציילן 49 טעג, און ביים פופציג'סטן טאג ברענגט מען די "שתי הלחם" וואס דאס איז דאך אין שבועות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וספרתם לכם וגו' עד ממחרת השבת השביעית תספרו" מען זאל ציילן 7 וואכן וואס דאס איז דאך 49 טעג און "חמישים יום" ווען עס קומט דער פופציג'סטער טאג, "והקרבתם מנחה חדשה לה'", זאל מען ברענגען דעם "מנחה חדשה" צום אייבערשטן, וואס דאס זענען די שתי הלחם.

דער טעם פארוואס די שתי הלחם וואס מען האט מקריב געווען שבועות ווערן אנגערופן "מנחה חדשה" איז ווייל דער "שתי הלחם" איז געווען דער ערשטער "מנחה" וואס מען האט געמעגט ברענגען פון די נייע ווייץ.

# מצות ספירת העומר

די צווייטע נאכט פסח הייבט מען אהן צו ציילן **"ספירת העומר"**.

די מצוה איז א מצוה יעדע נאכט, און עס איז אויך איין לאנגע מצוה וואס גייט אן פון די צווייטע נאכט יו"ט פסח, ביז ערב שבועות, און נאכדעם וואס מען האט געענדיגט ציילן אלע ניין און פערציג טעג, האט מען מקיים געווען מצות ספירת העומר.

מיר פסק'ענען אז בזמן הזה איז ספירת העומר מדרבנן. די חכמים האבן דאס מתקן געווען אלץ א זֵכֶר פון דעם וואס מען פלעגט ציילן די טעג פון די טאג וואס מען האט געברענגט דעם **"עומר"** ביז שבועות. (דעם טאג וואס מען האט געברענגט דעם שתי הלחם)

איידער מען מאכט די ברכה דארף מען וויסן וועלכע טאג מען ציילט היינט.

מען טאר זיך נישט פארלאזן אויף דעם וואס מען וועט הערן וואס א צווייטער וועט ציילן, אויב מען האט זיך יא פארלאזט איז מען יוצא.

באלד ווען עס ווערט נאכט טאר מען נישט ארויס זאגן דעם טאג פון די ספירה.

אויב א חבר פרעגט וועלכער טאג אין ספירה היינט איז, זאל מען נישט ארויס זאגן אז היינט איז אזוי פיל, נאר מ'זאל זאגן אז נעכטן איז געווען אזויפיל.

אויב מ'האט פארגעסן צו ציילן ביינאכט זאל מען ציילן בייטאג אן א ברכה, און אין די אנדערע נעכט קען מען ציילן מיט א ברכה.

אבער אויב מ'האט אויך בייטאג פארגעסן צו ציילן, דעמאלסט מוז מען ציילן אלע נעכט, אן א ברכה.

מ'ציילט ספירה שטייענדיג, אויב האט מען געציילט זיצדיג האט מען אויך יוצא געווען די מצוה.

וויבאלד עס שטייט **"וספרתם לכם"** לערנט מען ארויס אז ספירת העומר דארף יעדער מענטש ציילן, אנדערש ווי ביי **"יובל"** וואס דאס איז נאר א מצוה פאר בית דין צו ציילן.

אין די מצוה פון ספירה איז דא צוויי מצות, ציילן די טעג, און ציילן די וואכן, ווייל עס שטייט אין פסוק סיי **"שבע שבתות"** דאס איז די וואכן **"חמשים יום"** וואס דאס איז די טעג, וועגן דעם ציילן מיר סיי די טעג אין סיי די וואכן.

נאך ספירה ציילן, זאגן מיר **הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש** וכו' ווייל היינט איז דאך ספירת העומר נאר מדרבנן, בעטן מיר אז דער בית המקדש זאל ווערן אויפגעבויעט, און מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצוה מדאורייתא.

דער מנהג ישראל איז אז מ'פרובירט כסדר צו דערמאנען דעם טאג פון ספירה, און מ'האט אינזינען צו מקיים זיין מיט דעם די מצוה, וועגן דעם אז מ'שרייבט א בריוו אין די ימי הספירה פירט מען זיך צו שרייבן דעם טאג למב"י (למספר בני ישראל) אדער **"למטמונים"** (ר"ת למ"ט מונים).

# דרושים לשביעי של פסח

עס איז דא א מדרש פליאה, **הים ראה וינס מה ראה ישראל באים ורכוש מצרים בידם**, דארף מען פארשטיין די שייכות פון די צוויי זאכן אז דער ים איז אנטלאפן ווען ער האט געזעהן די אידן קומען מיטן פארמעגן פון מצריים?

זאגט דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע אז דער פסוק זאגט **ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה ואחרי כן יצאו ברכוש גדול**, לכאורה פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט צו זאגן פאר אברהם אבינו דעם רכוש גדול, האט ער דען אזוי ליב געהאט געלט?

נאר די גמרא זאגט אז די געלט וואס די אידן האבן ארויסגעטראגן פון מצרים דאס איז געווען דער שכר פון זייער ארבעט וואס זיי האבן געארבעט פאר די מצרים, און דאס געלט איז זיי זיך געקומען מן הדין.

די גמרא זאגט אין מס' בכורות, אז יעדער איד איז ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט ניינציג אייזלען אנגעפולט מיט גאלד און זילבער, וואס דאס איז א געוואלדיגער סכום, און דאס איז לכאורה מער ווי דער שכר עבודה וואס די אידן האבן געארבעט אין מצרים. מוז זיין אז די אידן האבן אויך גענומען באצאלט דעם שכר פון זייערע עלטערן וואס האבן געארבעט אין מצרים.

קומט אויס אז די אידן האבן דא באקומען דעם ביזת מצרים בתורת ירושה פון זייערע עלטערן, און דאס אז זיי האבן גע'ירש'ענט פון די עלטערן צייגט אז זיי זענען געווען ערליך און זייער יחוס איז געווען ריין, און זיי האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די מצרים.

קומט אויס אז די הבטחה פון "**ואחרי כן יצאו ברכוש גדול**" איז גאר געווען א שטארקע הבטחה פאר אברהם אבינו אז זיינע קינדער וועלן בלייבן ערליך אין מצרים און זיי וועלן זיך נישט אויסמישן מיט די גוים.

חז"ל זאגן אז השי"ת האט זיך אויסגענומען א תנאי מיטן ים ביי בריאת העולם, אז זיי זאלן זיך שפאלטן פאר די אידן. דאס איז אבער נאר אויב די אידן זענען נישט אויסגעמישט מיט די גוים, ווייל אויב זיי זענען אויסגעמישט מיט די גוים האבן זיי מער נישט קיין דין ישראל.

דער ים האט זיך נישט געוואלט שפאלטן פאר די אידן, טענה'דיג אז ער דארף זיך נאר שפאלטן פאר די אידן אויב זענען זיי געווען ערליך און אפגעהיטן, אבער אויב האבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די מצרים זענען זיי מער נישט קיין אידן. וועגן דעם ווען ער האט געזעהן דעם 'רכוש גדול' האט ער פארשטאנען אז די אידן זענען געבליבן ריין און ערליך, און וועגן דעם האט ער זיך געשפאלטן.

*

עס שטייט אין מדרש **הים ראה וינס מה ראה בריית**א **דרבי ישמעאל ראה**, דארף מען פארשטיין דעם שייכות?

זאגט דער **אמרי יהודה** אז דער ים האט גע'טענה'עט אז ער וויל זיך נישט שפאלטן פאר די אידן, ווייל זיי האבן נישט קיין שום זכותים, און זיי האבן זיך נישט אויפגעפירט ערליך אין מצרים.

אבער דער מדרש זאגט אז כאטש די אידן האבן נישט געהאט קיין אייגענע זכותים, זענען זיי אבער ארויס פון מצרים אין זכות פון קבלת התורה, ווי עס שטייט אין פסוק אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו **בהוציאך את העם הזה ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה.**

איי ווער זאגט אז מ'קען אויסגעלייזט ווערן אין זכות פון א זאך וואס איז נאכנישט געווען? נאר אין **ברייתא דרבי ישמעאל** זעהן מיר אז עס איז דא א כלל פון א **דבר הלמד מסופו**, אז מ'קען ארויסלערנען א זאך פון סוף, ממילא קענען אידן אויך ניצול ווערן אין זכות פון א זאך וואס וועט זיין שפעטער.

וועגן דעם ווען דער ים האט געזעהן ברייתא דרבי ישמעאל האט ער זיך געשפאלטן.

*

דער **רבי זי"ע אין דברי יואל** זאגט א שיינעם תירוץ אויף דעם מדרש, ווייל דער מדרש דערציילט אז דער ים האט זיך נישט געוואלט שפאלטן מיט די טענה אז די האבן אויך געדינט עבודה זרה פונקט ווי די גוים, האט אים דער אייבערשטער געענטפערט אז די גוים זענען געווען א מזיד און די אידן א שוגג.

לכאורה איז שווער א קשיא ווייל מיר ווייסן אז עבודה זרה איז איינע פון די עבירות וואס מ'איז מחויב זיך מוסר נפש זיין דערויף, און מ'קען נישט זאגן א תירוץ אז מ'איז געווען א אונס. דאך איז דא א לימוד זכות אויף די אידן, אז מה-דאך די גוים וואס דינען דוקא ע"ז און דאך ליידן זיי נישט קיין צרות און לעבן בשלום ושלוה, כ"ש די אידן וואס טוען נאר עבירות באונס קומט זיך זיי אז זיי זאלן נישט ליידן קיין צרות און יסורים.

דאס האט דער ים גע'טענה'עט אז ער וויל זיך נישט שפאלטן ווייל אידן האבן געדינט ע"ז, און ביי ע"ז העלפט נישט טענת אונס, אבער ווען ער האט געזעהן **ברייתא דרבי ישמעאל**, וואס די ערשטע מידה איז **קל וחומר**, האט ער געזעהן אז עס איז דא א שטארקע טענה לטובת די אידן, וועגן דעם האט ער זיך געשפאלטן.

*

הים ראה וינס, מה ראה ראה ישראל באים ורכוש מצרים בידם, ארונו של יוסף ראה.

עס שטייט א תירוץ אין ספר **עץ יהודה** אז דער ים האט זיך נישט געוואלט שפאלטן ווייל ער האט געהאלטן אז די אידן האבן נישט געהאט קיין רשות אוועק צו נעמען דעם רכוש מצרים פון די מצרים, ממילא איז דאס גניבה און ער האט זיי נישט געוואלט אריבערלאזן.

אבער ווען ער האט געזעהן **ארונו של יוסף**, האט ער זיך דערמאנט אז יוסף האט אפגעקויפט גאנץ מצרים פאר קנעכט אין די שווערע הונגער יארן, ממילא באלאנגט דאך זייער רכוש סייווי פאר די אידן, האט ער זיך געשפאלטן.

# ידיעות פון דעם יום טוב

## ווי אזוי האבן אידן געזאגט די שירה?

**אין די גמרא אין מסכת סוטה** (דף ל' ע"ב) **ווערט געברענגט א מחלוקה פון תנאים ווי אזוי משה רבינו מיט די אידישע קינדער האבן געזאגט שירה ביים ים סוף.**

**א) רבי עקיבא:** משה האט פארגעזאגט די ווערטער אשירה לה', און די אידן האבן נאכגעזאגט אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט כי גאה גאה, און די אידן האבן געענטפערט נאכאמאל אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט סוס ורכבו רמה בים, און די אידן האבן געענטפערט אשירה לה', און אזוי ווייטער ביי יעדע ענין וואס משה האט געזאגט האבן די אידן געענטפערט אשירה לה'.

**ב) ר' אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי:** די אידן האבן נאכגעזאגט אלעם וואס משה האט געזאגט, משה האט געזאגט אשירה לה' און די אידן האבן געזאגט אשירה לה', משה האט געזאגט כי גאה גאה, און די אידן האבן געענטפערט כי גאה גאה, משה האט געזאגט סוס ורוכבו רמה בים און די אידן האבן געענטפערט סוס ורוכבו רמה בים.

**ג) רבי נחמי':** די אידן האבן אלעם געזאגט אינאיינעם מיט משה רבינו, און זיי האבן אלעם צוגעטראפן מיט רוח הקודש די זעלבע ווערטער.

**ד) ר' נחמי' לפי שיטת התוספות:** משה האט געזאגט אז ישיר משה, און די אידן האבן געזאגט אשירה לה', משה האט געזאגט עזי וזמרת י-ה און די אידן האבן געזאגט זה קלי ואנוהו, משה האט געזאגט ה' איש מלחמה, און די אידן האבן ה' שמו, עכ"ל התוספות.

**ה) מדרש רבה** (שמו"ר כ"ג): משה האט אליין געזוגען די גאנצע שירה, און נאכדעם האבן עם די אידן איבערגעזוונגען.

**א בשר'ן און פרייליכן פסח פאר אלע טייערע תלמידים און פאר גאנץ כלל ישראל!**